בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאר׳ן שַׁבָּת טִישׁ

דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## נִישְׁט וֵויי טוּן קֵיינֶעם

״מֶעֶהְהְ... מֶעֶהְהְ...״ דִי קֶעלְבֶּעלֶע וֵויינְט, זִי ווִיל נִישְׁט דֶער שׁוֹחֵט זָאל אִיר שֶׁחְטְ׳ן, זִי ווִיל נָאךְ אַבִּיסְל לֶעבְּן.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיט יָארְן צוּרִיק הָאט אַמָאל פַּאסִירְט, רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן פְּלוּצְלוּנְג שְׁפְּרִינְגְט צוּ אִים אַ קֶעלְבְּל אוּן וֵויינְט ״מֶעֶהְהְ ... מֶעֶהְהְ ... ״דִי קֶעלְבְּל הָאט גֶעוֵויינְט צוּ רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ:

״הִיט מִיךְ, לָאז מִיךְ זַיין דָא בַּאהַאלְטְן אוּנְטֶערְן טִישׁ, דֶער שׁוֹחֵט זָאל מִיךְ נִישְׁט שֶׁחְטְ׳ן״ ...

רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אִיר: ״גֵיי צוּם שׁוֹחֵט, דוּ בִּיסְט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן מֶען זָאל דִיךְ שֶׁחְטְ׳ן, גֵיי אַרוֹיס פוּן דָא״, אוּן דִי קֶעלְבְּל אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם שׁוֹחֵט.

אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז גֶעוָוארְן אַ רַעַשׁ, מֶען הָאט גֶעזָאגְט וִויבַּאלְד רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט נִישְׁט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיפְן קֶעלְבְל וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען צַיין וֵוייטָאג, וַוייל אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ פִּירְט זִיךְ דָא אוֹיף דִי וֶועלְט פִּירְט מֶען זִיךְ מִיט אִים פוּן יֶענֶע וֶועלְט, אוּן רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ הָאט בַּאקוּמֶען צַיין וֵוייטָאג.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר נֶעמֶען זִיךְ פָּאר נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן קֵיינֶעם, אֲפִילוּ בַּעֲלֵי חַיִּים, אוּן זִיכֶער נִישְׁט אַ קִינְד, וַוייל אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען טוּט וֵויי אַ קִינְד, אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען מַאכְט וֵויינֶען אַ קִינְד - מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה אוּן מֶען דַארְף אַלֵיין וֵויינֶען בִּיז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה.



אַלֶע קִינְדֶער בֶּעטְן זִיךְ אִיבֶּער, מֶען נֶעמְט זִיךְ פָּאר מֶען גֵייט שׁוֹין מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי טוּן קֵיינֶעם.

**נלקח מתוך הספר "עצתו אמונה"**

צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, רוּפְט קוֹל בְּרֶסְלֶב:

א"י: 07970-400-66

ארה"ב: 212-444-9191, 1-5-2-1